# אוצר השבת

ארויסגענומען פון
**ספר אוצר השבת**
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מאכלי שבת

### מרק - זופ

**שטייט** אין די ספרים אז 'מרק' - זופ - איז בגמטריא במספר קטן זיבן, א רמז אויף שבת וועלכע איז דער זיבעטע טאג פון דער וואך.

**צדיקים** פלעגן זאגן אז דערפאר עסט מען זופ אום שבת, ווייל זופ ווערט אויך גערופן יוה"ך, וואס אין דעם איז מרומז איינע פון די הייליגע נעמען פון השם יתברך. אויך זענען די אותיות פון יוה"ך די סופי תיבות פון די ווערטער כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ, וועלכע זענען מסוגל אויף שמירה, מרמז צו זיין אז די מאכלי שבת זענען א סגולה אויף שמירה.

### זופ מיט חלה

**אין** ספר דרכי הישר והטוב שטייט א טעם פארוואס מען עסט חלה צוזאמען מיט די זופ און בעבלעך: דאס איז א רמז אויף דעם שם יב"ק, ווייל די ראשי תיבות פון י'וה"ך, ב'עבלעך און ק'ויליטש איז יב"ק. **שם**

### לאקשן

**מען** פירט זיך אריצולייגן דינע לאנגע לאקשן אין די זופ ביי די סעודה פון פרייטאג צונאכטס.

### לאקשן איז מסוגל אויף פרנסה

**עס** ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים אז דאס עסן לאקשן איז מסוגל צו פרנסה, ווייל די גמרא זאגט 'קָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם', די פרנסה פון א מענטש קומט אן שווער, און די אותיות פון 'לאקשין' איז 'לֹא קָשִׁין', דאס מיינט אז מען בעט השם יתברך אז עס זאל נישט שווער אנקומען די פרנסה.

**אויך** איז דאס מרמז אז די געלט וואס מען האט אויסגעגעבן איינצוקויפן פאר אלע סעודת פון שבת איז נישט פון די סארט געלט וועלכע זענען קָשָׁה פַּרְנָסָתוֹ שֶׁל אָדָם, נאר עס איז 'לֹא קָשִׁין' - אויף שבת איז פארהאן גאר אן אנדערע חשבון. דער וואס קויפט איין מער לכבוד שבת באצאלט אים השם יתברך נאכמער, לויט דעם כלל 'כָּל הַמּוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ מִן הַשָּׁמַיִם'.

**אויך** ווערט געברענגט פון צדיקים אז 'לָקְשׁ' איז די ראשי תיבות פון לכבוד שבת קודש.

**לאקשן** צייגן אויף אחדות

**לאקשן** איז מרמז אויף אחדות, ווייל זיי כאפן זיך צוזאמען איינע מיט די אנדערע, און שבת שלום איז אויך מרמז אויף אחדות.

**אמרי** פנחס אות כ"ה בשם הרה"ק מוה"ר פנחס מקאריץ זי"ע

**נאך** א טעם שטייט, ווייל לאקשן איז מרמז אויף דעם פסוק בית עשו לקש, און מיטן עסן לאקשן איז מען מבטל דעם כח פון עשו.

**הרה"ק רבי ירחמיאל משה מקוזניץ זי"ע**

### זופ, לאקשן, מייערן

**טייל** פירן זיך אויך אריינצולייגן אין די זופ מייערן, ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער מ'ייערן, ז'ופ, ל'אקשן איז 'מזל', און מיר ווילן מרמז זיין אז אידישע קינדער זענען העכער פונעם מזל, וויבאלד לויט דעם מזל פון שבת וואס איז דער מזל 'שבתאי' וואלט מען געדארפט זיין טרויעריג, דעריבער האט השם יתברך אונז באפוילן צו עסן און טרינקען שבת צו צייגן אז מיר אידן זענען העכער פונעם מזל.

**ע' בספר שבת שבתון פ"ד ל"א**

## בונדלעך - ארבעס

**עס** זענען דא וואס פירן זיך צו עסן ביי די סעודה פרייטאג צונאכטס ארבעס, אדער אנדערע ערליי בעבלעך צו די זופ.

**דער** טעם פון עסן בונדלעך איז אלץ זכר צו די אבלות פון משה רבינו עליו השלום, וואס ער איז נסתלק געווארן אום שבת.

**פרי מגדים א"א סי' ר"ץ ע"ש עוד טעם**

**דער** מדרש דערציילט אז יעקב אבינו האט געגעבן פאר עשו הרשע צו עסן געקאכטע ארבעס, ווייל ארבעס ווייזן סיי אויף טרויער, און אויך מאכן זיי פרייליך דעם מענטש. פונקט ווי ארבעס האבן נישט קיין מויל, פונדרויסן זעהט מען נישט קיין שפאלט, אזוי אויך טאר נישט אן אבל עפענען זיין מויל צו רעדן. און די ארבעס מאכן פרייליך דעם מענטש, ווייל ווען ער עסט זיי ווערט ער זאט און פרייליך. דאס זעלבע איז געווען ביי יעקב אבינו - ער האט געטרויערט ווייל אברהם אבינו איז געשטארבן, און ער איז געווען בשמחה ווייל דורך די ארבעס האט ער באקומען די בכורה.

**זאגט** דער בני ישששכר, אז פון דא איז דער מנהג צו קאכן ארבעס [בונדלעך] לכבוד שבת.

**אגרא דכלה פ' תולדות**

**עס** ווערט דערציילט אז איינמאל פרייטאג צונאכטס ביי די סעודה איז נישט געווען אנגעגרייט בונדלעך ביים הייליגן צאנזער רב זי"ע, האט ער פארלאנגט אז מען זאל אים ברענגען בונדלעך פון די שכנים, און ער האט מסביר געווען אז אין די זופ איז מרומז השם יתברך'ס נאמען, דער שם הוי"ה: די בונדלעך זענען מרמז אויף די יו"ד, דער רינג פון די טעלער איז מרמז אויף די ה', די לאקשן וואס זענען לענגליך זענען מרמז אויף די ו', און די רינג פון די זופ וואס געפינט זיך אין טעלער איז מרמז אויף די צווייטע ה'. [צוליב דעם טעם איז כדי נישט צו ניצן קיין טעלער וואס איז נישט רונדיג, ווייל דער רינג פונם טעלער איז מרמז אויף דעם אות ה' פון השם יתברך'ס נאמען, און אן דעם פארלירט מען די גאנצע ענין].

**זמירות דברי יואל**

**הרה"ק** מליסקא זצ"ל, דער אך פרי תבואה, האט געזאגט אז עסן בונדלעך פרייטאג צונאכטס איז מסוגל אז מען וועט נישט שטארבן אן קיין תשובה. **שיח זקנים דף רע"ב**

## בשר - פלייש

**די** גמרא [שבת קי"ט] דערציילט אז רב אבא פלעגט איינקויפן פלייש לכבוד שבת פון דרייצן פלייש בענק, כדי ער זאל האבן א גרעסערן אויסוואל פון וואס אויסצוקלויבן דאס בעסטע פלייש אויף די שבת'דיגע סעודות, און ער פלעגט זיי פאראויס באצאלן, כדי זיי זאלן זיך איילן צו ברענגען דאס פלייש. **שם**

**די** גמרא [ביצה ט"ז] זאגט: מיר האבן געלערנט אין א ברייתא, אז מען האט געזאגט אויף שמאי הזקן אז אלע זיינע יארן האט ער אלעס געגעסן לכבוד שבת, ווייל ווען ער האט געטראפן אינמיטן די וואך א שיינע בהמה האט ער עס געקויפט און געזאגט, די בהמה וועט מען עסן אום שבת. און אויב האט ער שפעטער אין וואך געטראפן א שענערע, האט ער יענע געקויפט און געגעסן די ערשטע אינמיטן די וואך. זעען מיר פון די גמרא אז שבת איז געווען דער מנהג צו עסן פלייש. **שם**

## פארוואס מען עסט פלייש אום שבת

**דורכן** עסן פלייש איז מען מרמז אז שבת איז גלייך צו עולם הבא, וואס דאן וועט אונז השם יתברך געבן פלייש פונעם שׁוֹר הַבָּר צו עסן.

**מטה משה**

**דער** רמב"ם זאגט אז דאס עסן פלייש און טרונקען וויין אום שבת איז א פארגעניגן, און שבת קודש איז דאך א צייט פון עונג. ער לייגט אבער צו אז נאר אויב דער מענטש האט די מעגליכקייט דערצו זאל ער קויפן פלייש לכבוד שבת.

**רמב"ם הל' שבת פרק ל' הלכה י'**

**נאך** א טעם פארוואס מיר עסן פלייש, איז ווייל פלייש ברענגט שמחה. עס זענען געווען צדיקים וואס האבן מקפיד געווען צו עסן בהמה פלייש, ווייל די גמרא זאגט אז עס איז נישטא קיין שמחה נאר ווען מען עסט בהמה פלייש.

**דרכי חיים ושלום אות שצ"ה**